# פרשת ויצא

## בס״ד. משיחת י״ט כסלו ה׳תשמ״ה

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

וואס איז דער ביאור וואס ס׳איז דא מציאות פון היפך הטוב בעולם, וואס ״בכל לבבך - בשני יצריך[1]״, האט דער אויבערשטער אַזוי באשאפן אַ אידן און אַ מענטשן, פון ״יצר לב האָדם[2]״ זאל אויך זיין אַ מציאות פון היפך הטוב, איז דאס כדי אַרויסצוברענגען די מעלה פון דעם בן מלך, אַז ניט קוקנדיק אַף דערויף וואס ס׳איז דא אַ דבר המבלבל, און אַ שטארקער דבר המבלבל, און ער קומט צוגיין מיט טענות שכליות, איז ניט נאר ער ווערט ניט נתפעל און ס׳מאכט אויף עם כלל קיין רושם ניט, אַפילו ניט קיין חלישות, און ער איז ממשיך אין מעשינו ועבודתינו – אויף מקיים זיין דעם אויבערשטן׳ס רצון,

נאר ער ווייסט אויך אַז דעם אויבערשטן׳ס רצון איז, אַז עס זאל זיין בכל לבבך בשני יצריך, און דערמיט זאל זיין דער ואָהבת ביז אין אַן אופן פון בכל מאדך, אַז ניט נאר ער זאל ניט נתרשם ווערן פון דעם צווייטן יצר, נאר ער זאל עם אויך מהפך זיין, אַז דעם שטורעם מיט דעם קאך מיט די כחות וואס דער צווייטער יצר האט, זאל ער דאס אויך נוצן אויף צוברייינגען נאכמערער מוסיף זיין אין ואָהבת את הוי׳ אלוקיך,

וואס אַהבה איז דאך כולל און אַ שורש צו אַלע רמ״ח מצוות עשׂה[3], אויך די מצוות עשׂה פון יראַת ה׳, וואס זי איז כולל אַלע שס״ה מצוות לא תעשׂה. איז דאך אַהבה כולל כל מצוות ה׳ דער ״לשרת את קונו״.

איז אין דערויף זאל ער צו אויסניצן אויך דעם כחות הגוף ונפשו הבהמית וחלקו שבעולם, אַז זיי זאלן אויך משתתף זיין און נאכמערער – צוגעבן בעבודתו לה׳, און כללות ענין עבודה ווי דערמאנט פריער אַריינשטעלן אין יעדער זאך פון וועלט דעם אַלופו של עולם.

איז דאך פארשטאנדיק, אַז דער יצר וואס איז היפך פון יצר הטוב, דארף דאך טאן זיין שליחות אויך באמונה צו וועלכע ער איז נברא געווארן, אויף זיך משתדל זיין אויף ניט צולאזן אַ אידן דינען דעם אויבערשטן, איז דאך פארשטאנדיק אַז דאס ברייינגט צו אַ ענין פון מלחמה אַז ער דארף זיין אַ לוחם מיט דער יצר וואס ער איז אַנטקעגן דעם יצרו הטוב.

---

1) פרשת ואתחנן פרק ו׳ פסוק ה׳, ובפירוש רש״י.

2) פרשת נח פרק ח׳ פסוק כא.

3) ראה תניא פרק ד׳.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויצא

און דערנאך איז בעזר השם טאקע "הקדוש ברוך הוא עוזרו[4]" – וויבאלד אַז ער וויל דאס מיט אַן אמת און טוט כל התלוי בו, האט ער דער סיוע פון דעם אויבערשטן ער זאל מנצח זיין אין דער מלחמה.

וואס אין דערויף קען דאס זיין אין פארשידענע שלבים ואופנים, דער אופן ווי געזאגט פריער אַז עס איז דא אַ מלחמה, און ער איז מנצח אין מלחמה, וואס דאס איז דער ענייַן פון עבודה אתכפיא בלשון פון תניא,

דערנאך איז אָבער דא דער שלימות בדבר, ווי דערמאנט פריער, בכל לבבך בשני יצריך, אַז ער איז מהפך דעם יצרו הרע, אַז ניט נאר דער יצר איז ניט לוחם בו נאר ער ווערט גאר פארקערט: "גם אויביו ישלים אתו[5]", "זה הנחש[6]" ווי ער זאגט אין מדרש,

און ער ווערט אַ מסייע ער זאל נאך מער טאן און נאך מער מצליח זיין, ווארום ער גיט עם צו נאך מערער קאך אין עבודת השם, וואס דער ענייַן פון קאכן זיך איז דאך דא אין גשמיות מערער נאך ווי אין רוחניות, בפרט נאך ווען ס'רעדט זיך וועגן אַ בירור אין ענינים גשמיים ווי מ'זעט דאס בפועל.

קומט ער אויך צו דער דרגה פון הגאולה האַמיתית, אַז ס'ווערט אויס מלחמה ווארום ער האט מהפך געווען דעם יצרו הבלתי טוב ער זאל אויך ווערן אַן עובד ה', ביז אין אַן אופן פון ואָהבת "בכל מאודך" – וואס שטייט גלייך נאך בכל לבבך – "בכל מדה ומדה שהוא מודד לך[7]".

ניט ער דארף פירן אַ מלחמה מיטן יצר, נאר ס'נאך מערער: ער האט אים מהפך געווען אַז ער איז געווארן אַ מסייע, אָט דעמאלט ווערט "ברבים היו עמדי[8]" – אַז ניט נאר דער יצר טוב, נאר אויך דער יצר הרע איז עמדי, פונקט ווי ס'איז געווען בהנוגע מלחמת דוד ואַבשלום, וואס דאס איז דאך פשוטו של מקרא, איז דער פדה בשלום נפשי וואס דוד האט געזאגט, איז דאך דאס פארבונדן מיט דער מלחמה וואס איז געווען צווישן אים מיט אַבשלום בנו, און זאגט ער אויף דערויף אין ירושלמי[9], "ברבים היו עמדי", אַז אַנשי אַבשלום האבן מתפלל געווען אַז דוד זאל מנצח זיין במלחמתו עם אַבשלום.

———— • ————

---

4) גמרא קידושין דף ל' ע"ב.

5) משלי פרק טז פסוק ז'.

6) בראשית-רבה ריש פרק נ"ד.

7) פרשת ואתחנן פרק ו' פסוק ה', ובפירוש רש"י.

8) תהלים קאפ' נה פסוק יט.

9) סוטה פרק א' הלכה ח'.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.